Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation générale à la langue française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער יידישער
# טעם־טעם
## אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנער

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 13, נומער 4 (64)

ניסן תשס״ח/מײַ 2008

# פֿרילינג־פֿאַרגעניגנס

## װעליב[1], ראָזמעריס ראָװער[2]

לעצטן זומער האָט מען געזען אױסװאַקסן אױף די פּאַריזער גאַסן הונדערטער סטאַנציעס װוּ מע קען זיך אױסבאָרגן אַ ראָװער אױף אַ װײַל. װען מע דאַרף נישט מער דעם ראָװער קען מען אים צוריקשטעלן אין װאָס פֿאַר אַ סטאַנציע מע װיל (אױב ס׳איז דאָ אָרט...). די ראָװערן האָט מען געגעבן אַ נאָמען „װעליב“, װאָס שטאַמט פֿון צװײ פֿראַנצײזישע װערטער : vélo (ראָװער), און liberté (פֿרײַהײט), דערפֿאַר װאָס מען איז פֿרײַ צו נעמען און צוריקצושטעלן אָט די ראָװערן װוּ און װען מע װיל. פֿרײַ דערפֿאַר װאָס מען דאַרף נישט קױפֿן קײן ראָװער און דאַן זיך זאָרגן צו װעלכן סלופּ[3] עס צוצובינדן כּדי[4] עס זאָל נישט צוגעגנבֿעט[5] װערן. איצט איז זײער פּשוט[6] : איר דאַרפֿט בלױז אַרײַנשטעקן אַ קרעדיט־קאַרטל אין אַן אַפּאַראַט װאָס שטײט לעבן די ראָװערן. די ערשטע 30 מינוט זענען אומזיסט[7]. װען איר שטעלט צוריק דעם ראָװער אין אַן אַנדער סטאַנציע, דאַרפֿט איר װידער אַרײַנשטעקן דאָס קרעדיט־קאַרטל. פֿרײַהײט !

אַ פּאָר צולהכעיסניקעס[8] װעלן אײַך זאָגן, אַז דורך אָט דעם קרעדיט־קאַרטל קען מען זיך דערװיסן װוּ איר פֿאָרט, און װען איר פֿאָרט. זײ װעלן אײַך זאָגן, אַז דאָס דערמאָנט זײ אין אַ געניאַלן סײַענס־פֿיקשאָן ראָמאַן *דער פּערפֿעקטער טאָג*[9] אָנגעשריבן דורך אײַראַ לעװין (דער זעלביקער שרײַבער האָט אױך אָנגעשריבן דעם זײער באַרימטן *ראָזמעריס בײבי*). אין דעם ראָמאַן באַשרײַבט ער אַ װעלט פֿון װעלכער מע האָט אַרױסגעיאָגט[10] אַלע זאָרגן. פֿאַר אַזאַ גליק באַצאָלן די מענטשן אַ פּרײַז װאָס איר װעט װיסן אױב איר לײענט... אין בוך זענען אױך דאָ אַזעלכע סטאַנציעס מיט ראָװערן. נײן, הערט זיך ניט צו צו אַזעלכע ביטערע מענטשן, פֿאָרט אױף אײַערע װעליב־ראָװערן מיט פֿאַרגעניגן און אָן זאָרגן אין דער פֿרילינג־לופֿט !

1. «Vélib» 2. vélo/bicycle 3. poteau/post 4. kede'y pour que/so as 5. tsu'geganvet volé/stolen 6. poshet simple 7. gratuits/free of charge 8. tselo'khesnikes mauvais coucheurs/grumblers 9. Ira Levin, *Un Bonheur insoutenable/The Perfect Day* (1970) 10. chassé/driven out.

## מאַכט אַ פּױזע[1] !

איר קענט נישט מער אױסהאַלטן[2] ? צו פֿיל אַרבעט ? צו פֿיל זאָרגן[3] ? צו פֿיל „סטרעס“ ? אײן לײזונג[4] : בלײַבט שטיל און טוט גאָרנישט ! אין פּאָרטאָ אַלעגרע אין בראַזיל האָט אַ 32 יאָריקער דיזײַנער מאַרסעלאָ באָרער געגרינדט גאָר אַ נײטיקע אינסטיטוציע – אַ „נאַדיזמאָ“־קלוב, דאָס הײסט דער קלוב פֿון טאָן גאָרנישט („נאַדאַ“). אײן מאָל אַ חודש[5] קומען זיך צונױף די מיטגלידער[6] פֿונעם קלוב אין אַ גאָרטן צי אױף אַ פּלאַץ און טוען... גאָרנישט – גאַנצע 45 מינוט לאַנג. זײ קענען זיצן צי ליגן אָבער זײ טאָרן נישט שלאָפֿן. זײ דאַרפֿן בלױז פֿאַרגעסן װעגן אַלע צילן[7] און פֿליכטן[8].

פֿריִער פֿלעגן מאַרסעלאָ באָרער און זײַנע „מיט־נאַדיסטן“ זײַן אָפֿט אָנגעשפּאַנט[9] און אױסגעמאַטערט[10]. איצט אַז זײ פּראַקטיצירן רעגלמעסיק נאַדיזמאָ זאָגן זײ אַלע אַז זײ פֿילן זיך באַרױִקט[11] און אַז זײער לעבן האָט זיך פֿאַרבעסערט. לױט[12] פּסיכאָלאָגן און װיסנשאַפֿטלער[13], װען מע טראַכט װעגן גאָרנישט, אַרבעט דער מוח[14] אױף אַ שװאַכערער פֿרעקװענץ און עס איז גוט פֿאַרן געזונט. נאַדיזמאָ קען מען פּראַקטיצירן װוּ מע װיל, אױך אין דער הײם. אױב אַזױ, לאָמיר שױן מאַכן אַ פּױזע, ס׳איז צײַט אױף נאַדיזמאָ...

איצט װײסט איר שױן דעם סוד[15] פֿון אָפּרוען זיך װען איר האָט אַזױ פֿיל צו טאָן, אינעם קומענדיקן נומער װעט מען אײַך אױסלערנען װי אַזױ צו לאַכן װען עס איז גאָר נישטאָ פֿון װאָס.



1. pause/break 2. vous n'en pouvez plus ?/can't take it any more? 3. soucis/troubles 4. solution 5. khoydesh mois/month 6. membres/members 7. objectifs/objectives 8. obligations 9. tendus/tense 10. exténués/exhausted 11. apaisés/calmed 12. selon/according to 13. scientifiques/scientists 14. moyekh cerveau/brain 15. sod secret.

# מעשׂה[1]

מעשׂה־בראשית פֿון מיכעל־אַנדזשעלאָ



אַ מאָל איז געווען... אַזוי הייבט זיך אָן אַ מעשׂה. ס'איז דאָ אַלע סאָרטן מעשׂיות, אמתע[2] און אויסגעטראַכטע : קינדער־מעשׂיות, פֿאַנטאַסטישע מעשׂיות, ליבע־מעשׂיות... אַן אַלטע, שוין גוט באַקאַנטע מעשׂה קען מען רופֿן אַ **מעשׂה מיט אַ באָרד**, אַ צו לאַנגע מעשׂה איז אַ **מעשׂה אָן אַן עק**, און אַ פּוסטע[3] פֿראַגע, וואָס קיינער קען ניט ענטפֿערן, איז אַ **קשיא[4] אויף אַ מעשׂה**. די ערשטע פֿון אַלע מעשׂיות געפֿינט זיך אין תּנך[5] און הייסט מעשׂה־בראשית[6], די באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט.

איינס פֿון די עלטסטע ביכער וואָס מע האָט געדרוקט אויף ייִדיש (באַזל[7], 1602) הייסט *מעשׂה־בוך* – ס'איז אַ זאַמלונג[8] אַלטע דערציילונגען פֿון פֿאַרשיידענע לענדער און צײַטן. שפּעטער האָט מען געדרוקט אומצאָליקע[9] אַנדערע מעשׂה־ביכלעך, זייער פּאָפּולער בײַם ברייטן עולם[10], וואָס פּאַקן־טרעגער[11] פֿלעגן פֿאַרקויפֿן אויף מערק און ירידן[12].

אויב עמעצער דערציילט אײַך אַ מעשׂה ניט געשטויגן ניט געפֿלויגן[13], קענט איר זאָגן, אַז ס'איז אַ **באָבע־מעשׂה**. מענטשן טראַכטן, אַז דאָס מיינט אַ נאַרישע מעשׂה וואָס אַן אַלטע באָבע קען דערציילן, נאָר אין דער אמתן[14] האָט דער אויסדרוק גאָר אַן אַנדער געשיכטע : עס קומט פֿון אַן אַלט־ייִדישער עפּישער פּאָעמע, *בבֿא־בוך*[15], אַרויסגעגעבן אין 1541 דורך אליה בחור[16], אַדאַפּטירט פֿון אַן אַלטן איטאַליעניש ריטערלעכן עפּאָס[17] (וועגן דעם זעט ז' 4).

דאָס וואָרט **מעשׂה** ניצט מען אָפֿט צוזאַמען מיט אַן אַנדער וואָרט, צו באַטײַטן „אַזוי ווי“ אָדער „ענלעך צו[18]“. צום בײַשפּיל : אַ מענטש וואָס פֿירט זיך אויף אַ רײַכן שטייגער זאָגט מען אַז ער לעבט **מעשׂה גבֿיר**[19]. אויב עמעצער טוט אָפּ עפּעס שלעכטס קען מען זאָגן אַז ער האַנדלט **מעשׂה גזלן**[20]. **מעשׂה־סדום**[21] מיינט „אַ טוונג וואָס פּאַסט פֿאַר סדום“, דאָס הייסט אומיושרדיק[22] ווי אין דער זינדיקער[23] שטאָט סדום, וואָס גאָט האָט צעשטערט. **מעשׂה־אונן**[24] מיינט טאָן דאָס, וואָס עס האָט געטאָן דער תּנכישער[25] אונן, וואָס האָט אומזיסט פֿאַרגאָסן זײַן זאָמען[26]. דאָס ערגסטע איז אַוודאי[27] **מעשׂה־שׂטן**[28]. אַזוי רופֿט מען עפּעס וואָס געשעט דווקא[29] אויף צו להכעיס[30], פֿאַרקערט פֿון דעם וואָס מע וויל. צו נעמען אַ גאָר מאָדערנעם בײַשפּיל : דו האָסט געאַרבעט דרײַ שעה[31] אויף אַ טעקסט און – מעשׂה־שׂטן – דער קאָמפּיוטער האָט אים פֿאַרלוירן. נו, אַזוי אַרבעט דאָך דער שׂטן.

**מעשׂה** קען מיינען נישט נאָר דערציילונג נאָר אויך פֿאַקט. **אַחר־המעשׂה**[32] מיינט נאָך די פּאַסירונגען, נאָך אַלעמען[33]. **בשעת[34]־מעשׂה** מיינט אין דער זעלבער צײַט, סימולטאַן.



פֿונעם זעלביקן העברעיִשן שורש[35] (**ע שׂ ה**, וואָס באַטײַט „טאָן“) קומט דאָס וואָרט **מעשׂים**[36], וואָס ווערט געניצט נאָר אין מערצאָל[37] און וואָס מיינט טוונגען. **אַרבעטן מעשׂים** מיינט דאָס זעלבע ווי קערן וועלטן, דאָס הייסט, אויפֿטאָן שווערע אָדער וויכטיקע זאַכן. טאָן גוטס הייסט טאָן **מעשׂים־טובֿים**[38]. ווען אַ קינד ווערט געבוירן ווינטשט מען זיך אַז עס זאָל אויסוואַקסן צו תּורה[39], חופּה[40] און מעשׂים־טובֿים.

**מעשׂה** ניצט מען אָפֿט ווי אַן אייפֿעמיזם, צו פֿאַרטרעטן אַ מיאוס[41]

[סוף זײַט 3]

1. MAYSE conte, histoire/story, tale, *pl.* מעשׂיות MAYSES 2. E'MESE vrais/true 3. vain/idle, vain 4. KASHE question 5. TANA'KH Bible juive/Jewish Bible 6. ... BREYSHIS la Création/Creation 7. Bâle/Basel 8. recueil/collection 9. innombrables/countless 10. OYLEM public 11. colporteurs de livres/book peddlers 12. ... YARIDN marchés et foires/markets and fairs 13. tiré par les cheveux/untrue, farfetched 14. ... E'MESN en vérité/in fact 15. BOVE-... 16. ELYE BOKHER Elie Levita/Elijah Levita (1469-1549) 17. épopée chevaleresque/chivalric poem 18. semblable/similar 19. GVIR homme riche/rich man 20. GAZLEN bandit 21. SDOM Sodome/Sodom 22. U'MYOYSHERDIK injuste/unjust 23. pécheur (*adj.*)/sinful 24. OYNEN Onan 25. TANA'KHISHER personnage biblique/Biblical figure 26. gaspillé sa semence/spilled his seed 27. AVADE bien sûr/of course 28. SOTN Satan 29. DAVKE justement/just 30. ... TSELOKHES pour contrarier/for spite 31. SHO heures/hours 32. AKHER-HAMAYSE après coup/after the fact 33. après tout/after all is said and done 34. BESHA'S pendant/during 35. SHOYRESH racine/root 36. MAYSIM actes, faits/acts, deeds 37. pluriel/plural 38. MAYSIM-TOYVIM bonnes actions/good deeds 39. TOYRE Torah 40. KHUPE mariage/marriage 41. MIES grossier, pas bien/nasty, dirty

# אַ מאָל איז געווען...

## פֿאַר אָנהייבער, קינדער און אַלע וואָס האָבן ליב טרויעריקע ליבע־לידער

דאָס איז איינס פֿון די ייִדישע פֿאָלקסלידער וואָס הייבן זיך אָן ווי אַ מעשׂה[1] מיט „אַ מאָל איז געווען...“. ס'איז געשריבן אין פֿאָרעם פֿון אַ וויגליד[2], מיטן געוויינטלעכן[3] רעפֿריין פֿון אַ וויגליד, „ליו ליו“ אָדער „ליולינקע“. נאָר דאָס איז אויך אַן אַלטמאָדיש ליבע־ליד מיט אַ מלך[4] און אַ מלכּה[5] און אַ מעשׂה פֿול מיט טרויער וועגן אַ וועלט פֿול מיט ליבע און שלום[6] וואָס איז צעשטערט געוואָרן.



## אַ מאָל איז געווען אַ מעשׂה

אַ מאָל איז געווען אַ מעשׂה
די מעשׂה איז גאָר ניט פֿריילעך
די מעשׂה הייבט זיך אָנעט[7]
מיט אַ ייִדישן מלך.

רעפֿריין :
ליולינקע, מײַן פֿייגעלע,
ליולינקע, מײַן קינד.
כ'האָב אָנגעוואָרן[8] אַזאַ ליבע,
וויי איז מיר און ווינד[9].

אַ מאָל איז געווען אַ מלך,
דער מלך האָט געהאַט אַ מלכּה.
די מלכּה האָט געהאַט אַ ווײַנגאָרטן[10],
ליולינקע, מײַן קינד.

אין ווײַנגאָרטן איז געווען אַ ביימעלע,
דאָס ביימעלע האָט געהאַט אַ צווײַגעלע[11],
אויפֿן צווײַגעלע איז געווען אַ נעסטעלע[12],
אין נעסטעלע האָט געלעבט אַ פֿייגעלע.

דער מלך איז אָפּגעשטאָרבן,
די מלכּה איז געוואָרן פֿאַרדאָרבן[13],
דאָס צווײַגעלע איז אָפּגעבראָכן,
דאָס פֿייגעלע פֿון נעסט אַנטלאָפֿן.



1. MAYSE histoire/story 2. berceuse/lullaby 3. habituel/usual 4. MEYLEKH roi/king 5. MALKE reine/queen 6. SHOLEM paix/peace 7. הייבט זיך אָן 8. פֿאַרלוירן 9. hélas/alas 10. vignoble/vineyard 11. *dim de/of* צווײַג branche/branch 12. *dim de/of* נעסט nid/nest 13. mal tourné/went astray.

[סוף פֿון זײַט 2]

וואָרט וואָס מע וויל ניט אַרויסזאָגן אָדער אַ באַהאַלטענעם טייל פֿונעם קערפּער וואָס מע וויל ניט דערמאָנען. אַ שווערע קראַנקייט צי אַ גרויס אומגליק קען מען אָנרופֿן **די אמתע מעשׂה**. ער האָט מיר **אָפּגעטאָן אַ מעשׂה** מיינט ער האָט מיך אָפּגענאַרט[42] אָדער באַעוולט[43]. ער איז **געכאַפּט אין דער מעשׂה** מיינט אַז ער האָט זיך געלאָזט אַרײַנצין אין אַ טווּנג וואָס דער דערציילער האַלט פֿאַר שלעכט אָדער סכּנהדיק[44], ווי אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אָדער (פֿאַר אַ פֿרומען ייִד) ווערן אַ פֿרײַדענקער. מע האָט אים **געכאַפּט בעת[45] דער מעשׂה** מיינט מען האָט אים געכאַפּט בײַם אויפֿטאָן עפּעס שלעכטס אָדער אומלעגאַלס. דאָס שווערסטע : ער האָט זיך **אָנגעטאָן אַ מעשׂה** מיינט ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן.

אָבער לאָמיר ניט זײַן צו פּעסימיסטיש. אין דעם איצטיקן נומער וועט איר געפֿינען מעשׂיות פֿאַר יעדן געשמאַק – אַן אַלטע מעשׂה (ז' 4), אַ געזונגענע מעשׂה (ז' 3 און 8), אַ מעדיצינישע מעשׂה (ז' 7) און אַפֿילו[46] אַ כעלעמער[47] מעשׂה (ז' 5).

42. trompé, dupé/fooled, tricked 43. BAAVLT causé du tort/wronged 44. SAKO'NEDIK dangereux/dangerous 45. BEYS pendant/during 46. AFILE même/even 47. de/of Chelm.

### אַ פּאָר שפּריכווערטער[1]

- אויף אַ מעשׂה[2] פֿרעגט מען ניט קיין קשיות[3].
- אַחר־המעשׂה[4] העלפֿט קיין חרטה[5] ניט.
- אַ רבֿ[6] אָן אַ רביצין[7] איז אַ האַלבע מעשׂה.
- פֿון מעשׂיות דערציילן קאָכט מען קיין וועטשערע[8] ניט.

1. proverbes/proverbs 2. MAYSE conte/tale 3. KASHES questions, *sing*. קשיא KASHE 4. AKHER-HAMAYSE après coup/after all is over 5. KHAROTE regret, remords/regrets, remorse 6. ROV rabbin/rabbi 7. RE'BETSN femme du rabbin/rabbi's wife 8. dîner/dinner.

# אליה בחור[1] – דער טאַטע פֿון באָבע־מעשׂיות[2]

## פֿון אַרנאָ ביקאַר

וואָס ? אין איטאַליע האָבן ייִדן גערעדט ייִדיש ? און זיי האָבן דאָרטן געדרוקט ביכער ? ווען ? אין 16טן יאָרהונדערט ? אַזעלכע און ענלעכע פֿראַגעס הערט מען אַלע מאָל ווען מע הייבט אָן צו רעדן וועגן אליה בחורן. אַ סימן[3] אַז אַלט־ייִדישע ליטעראַטור דאַרף נאָך אַ ביסל רעקלאַמע[4] כּדי[5] צו קריגן אַ שם[6] בײַם ברייטערן עולם[7].

יאָ ! די אַשכּנזישע[8] ייִדן קענען שטאָלצירן[9] מיט ערשטראַנגיקע שאַפֿונגען אויף ייִדיש אין דער רענעסאַנס־צײַט אין איטאַליע. אָן קיין שום ספֿק[10] איז דער סאַמע[11] אינטערעסאַנטער מחבר[12] פֿון יענער צײַט אליה בחור. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1469 אין נירנבערג און געשטאָרבן אין 1549 אין ווענעציע. ס׳רובֿ[13] פֿון זײַן לעבן האָט ער פֿאַרברענגט אין איטאַליע אין דער וועלט פֿון קריסטלעכע הומאַניסטן. ער ווערט באַטראַכט ווי דער גרעסטער גראַמאַטיקער פֿון זײַן עפּאָכע. דער צענדליק ביכער וואָס ער האָט פּובליקירט אויף העברעיִש האָבן געהאַט אַ שם ווי די בעסטע לערנביכער בײַ דורות[14] קריסטן וואָס האָבן געוואָלט זיך לערנען העברעיִש. דערפֿאַר האָט מען זיי באַלד איבערגעזעצט אויף לאַטײַן.

קוקנדיק אויף אַזאַ פּאָרטרעט קען מען פֿאַרחידושט ווערן[15] אַז דער דאָזיקער גרויסער געלערנטער האָט אויך געשריבן ייִדישע פּאָעזיע. אָבער אליה בחור האָט געהאַט מער ווי איין פּנים[16]. אַזוי ווי זײַנע גראַמאַטיק־ביכער זײַנען וויסנשאַפֿטלעך[17] און שאַרפֿזיניק[18], אַזוי איז זײַן פּאָעזיע פֿול מיט פֿאַנטאַזיע און הומאָר. זײַן באַקאַנטסט ווערק הייסט *בבֿא־בוך*[19] אָדער *בבֿא ד׳אַנטאָנאַ*[20] (אָנגעשריבן אין 1507, אַרויסגעגעבן אין 1541). דאָס איז אַן אַדאַפּטאַציע אויף ייִדיש פֿון אַן עפּישער פּאָעמע וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער אין גאַנץ אייראָפּע און דער עיקר[21] אין איטאַליע. די 650 געגראַמטע[22] סטראָפֿעס דערציילן די אַוואַנטורעס פֿון דעם ריטער[23] בבֿא. אַנטלויפֿנדיק פֿון זײַן מוטער וואָס האָט געפּרוּווט אים דערהרגענען[24], טרעפֿט ער די שיינע דרוזיאַנע, די איידעלע טאָכטער פֿון אַ גראַף[25]. בבֿא ווערט אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה[26], אַנטלויפֿט, טרעפֿט זיך מיט פּעליקאַן, אַ פֿרײַנדלעכן פּערסאָנאַזש, האַלב־מענטש, האַלב־הונט, און אַזוי ווײַטער... איר האָט פֿאַרשטאַנען, ס׳איז אַן אמתדיקע[27] באָבע־מעשׂה ! דאָס *בבֿא־בוך* איז געוואָרן אַ לעגענדע וואָס ייִדישע מאַמעס האָבן דערציילט זייערע קינדער. דערפֿון האָט זיך אין ייִדיש גענומען דער אויסדרוק „באָבע־מעשׂיות“.



**אַ בילד פֿונעם בוך „פּאַריז און וויענע“**

אַן אַנדער ריטער־ראָמאַן וואָס מע שרײַבט צו[28] אליה בחורן און וואָס איז ווינציקער באַקאַנט, הייסט *פּאַריז און וויענע*. דאָס זענען ניט קיין שטעט, נאָר נעמען פֿון די צוויי העלדן : פּאַריז, אַ העלדישער יונגער־מאַן, און די שיינער וויענע, זײַן געליבטע, וואָס פּאַריז מוז ראַטעווען[29] איר פֿאָטער פֿון תּפֿיסה. די שפּראַך פֿוןביידע ווערק איז אַלט־ייִדיש, הײַנט צו טאָג זייער שווער צו לייענען פֿאַר ניט־ספּעציאַליסטן, נאָר פֿון *בבֿא־בוך* האָט מען אין יאָר 1962 געמאַכט אַן אַדאַפּטאַציע אויף כּלל־ייִדיש[30]. מיר דרוקן דאָ אָפּ דעם אָנהייב פֿון דער הקדמה[31] צו דעם ווערק פֿון אָט דער אויסגאַבע[32] :

איך אליה לווי[33], דער שרײַבער
צו דינסט[34] אַלע ייִדישע ווײַבער,
קום איצט מיט מײַן וואָרט דעם באַדאַכטן[35],
עס לוינט זיך דערויף צו פֿאַרטראַכטן.
[...]
כ׳הייב אָן מיטן *בבֿא־בוך* איצט.
שוין אָט פֿיר און דרײַסיק יאָר איז,
ווי כ׳האָב עס פֿון אַ וועלש[36] בוך געמאַכט,
אָבער פֿיל האָב איך דאָ צוגעטראַכט[37].
.[...]

1. ELYE BOKhER Elie Levita/Elijah Levita (1469-1549) 2. ...-MAYSES histoires à dormir debout/tall stories, old wives' tales 3. SIMEN preuve/sign 4. publicité/publicity 5. KEDE'Y afin de/in order to 6. ShEM renommée/reputation 7. OYLEM public 8. AShKENA'ZIShE ashkénazes/Ashkenazi 9. être fiers/be proud 10. ... ShUM SOFEK sans aucun doute/without a doubt 11. le plus/the most 12. MEKHABER auteur/author 13. S'ROV la plus grande partie/most 14. DOYRES générations, *sing.* דור DOR 15. FARKHIDESHT... s'étonner/be astonished 16. PONEM visage/face 17. scientifiques/scientific 18. pénétrants/sharp, clever 19. Bove-... 20. Bovo d'Antona 21. ... IKER surtout/especially 22. rimés/rhymed 23. chevalier/knight 24. DERHA'RGENEN assassiner/kill 25. comte/count 26. TFISE prison 27. E'MESDIKE véritable/real 28. attribue/attributed 29. sauver/rescue 30. KLAL-... yiddish standard/standard Yiddish 31. HAGDOME préface 32. édition 33. Levi 34. au service de/at the service of 35. refléchi/well considered 36. italien/Italian 37. inventé/invented.

# צוויי כעלעמער מעשׂיות[1]



אין דער ייִדישער טראַדיציע איז כעלעם די שטאָט פֿון נאַראָנים[2]. די כעלעמער נאַראָנים, אָדער ווי מע רופֿט זיי, „חכמים“[3], האָבן זייער ליב צו לייזן[4] שווערע פּראָבלעמען. אין די צוויי מעשׂיות שטעלט זיך אַ פּראָבלעם אַרום דעם שמש[5], וואָס דאַרף גיין יעדן אינדערפֿרי[6] פֿון הויז צו הויז און רופֿן די ייִדן צום דאַווענען[7].

## דער שניי

אין כעלעם איז געפֿאַלן אַ שניי : אַ טיפֿער, ווייכער, ווײַסער שניי. די שטאָט איז געוואָרן אַזוי שיין ! אַלץ איז געווען ווײַס : ווײַסע הײַזער, ווײַסעביימער, ווײַסע גאַסן. אַלע כעלעמער האָבן אַרויסגעקוקט דורך די פֿענצטער און זיך געפֿרייט מיט דעם טיפֿן, ווייכן, ווײַסן שניי.

– אוי, ווי ליכטיק און ריין עס איז ! – האָבן די כעלעמער געזאָגט.

– בלויז בײַ אונדז אין כעלעם איז אַזוי שיין – זאָגט איין כעלעמער צום צווייטן.

נאָר כעלעם איז דאָך[8] אַ ייִדישע שטאָט. דער שמש דאַרף דאָך גיין פֿון הויז צו הויז און קלאַפּן[9] אין די לאָדנס[10] צו רופֿן די ייִדן אין שול[11] אַרײַן צו דאַווענען, ווי יעדן אינדערפֿרי. וואָס וועט זײַן ? ער וועט צעטרעטן[12] דעם שיינעם, ריינעם, ווײַסן שניי ! האָבן די כעלעמער חכמים גערופֿן אַן אַסיפֿה[13] און געטראַכט אַ גאַנצע נאַכט – צום סוף[14] האָט דער קליגסטער[15] געהאַט אַן אײַנפֿאַל[16] : לאָמיר אַרויפֿשטעלן דעם שמש אויף אַ טיש און פֿיר ייִדן וועלן אים טראָגן פֿון הויז צו הויז – אַזוי אַרום[17] וועט דער שמש ניט צעטרעטן דעם שניי ! און אַזוי איז געווען.

## דער קראַנקער שמש

ווען דער כעלעמער שמש איז געוואָרן אַלט און שוואַך, איז אים שווער געווען צו גיין יעדן אינדערפֿרי פֿון הויז צו הויז צו קלאַפּן אין די לאָדנס און רופֿן די ייִדן אין שול אַרײַן דאַווענען. די גאַסן זענען געווען נאַס[18] און בלאָטיק[19] און דער שמש, נעבעך[20], האָט שוין קוים[21] געקענט שלעפּן[22] די אַלטע שוואַכע פֿיס.



וואָס טוט מען ? האָבן די כעלעמער חכמים גערופֿן אַן אַסיפֿה און זיי זענען געזעסן דרײַ טעג און דרײַ נעכט און געטראַכט. צום סוף האָט דער קליגסטער געהאַט אַן אײַנפֿאַל : לאָמיר אַלע ברענגען אונדזערע לאָדנס אין שול אַרײַן, וועט דער שמש קענען קלאַפּן אין די לאָדנס אין שול, און ער וועט מער ניט דאַרפֿן זיך שלעפּן איבער די בלאָטיקע געסלעך. און אַזוי איז געווען.

**צוויי בילדער פֿון כעלעמער חכמים, פֿון יחזקאל שלאָס**

1. ... MAYSES histoires de Chelm/tales of Chelm (*sing.* מעשׂה MAYSE) 2. idiots/fools, *sing.* נאַר 3. KHAKHOMIM sages/wise men, *sing.* חכם KHOKHEM 4. résoudre/solve 5. SHAMES bedeau de la synagogue/beadle of the synagogue 6. matin/morning 7. prier/pray 8. comme on le sait/obviously, as everyone knows 9. frapper/knock 10. volets/shutters 11. synagogue 12. piétiner/trample 13. ASIFE assemblée/assembly 14. .. SOF finalement/finally 15. le plus sage/the wisest 16. idée/idea 17. ainsi/thus 18. mouillés/wet 19. boueux/muddy 20. le pauvre/poor man 21. à peine/barely 22. traîner/drag.

# נײַע לידער

מאַרינאַ אַלעקסעיעוואַ, אַ תּלמידה[1] פֿון די ייִדיש־קורסן אין פּאַריזער ייִדיש־צענטער, האָט אונדז צוגעשיקט אַ פּאָר פֿון אירע לידער. מאַרינאַ, װעלכע איז געבױרן געװאָרן אין לענינגראַד (הײַנט פּעטערבורג), װױנט איצט אין פּאַריז און אַרבעט װי אַ דאָלמעטשערין[2] פֿון ענגליש און פֿראַנצײזיש אויף רוסיש.




**מאַרינאַ אַלעקסעיעוואַ**

## מען שרײַבט אַ ליד

הײַנט האָט מען גענומען
דעם קײַלעכדיקן[3] קלאַנג –
ער איז געקומען פֿון דרויסן –
און מ׳האָט בײַ אים זיך אויסגעװאַרעמט די הענט ;
אויף די פֿאַרפֿראָסטיקטע[4] פֿענצטער
האָט מען לאַנג, לאַנג געשריבן
און געצייכנט
ביזן פֿאַרנאַכט
מיט די אויסגייענדיקע שײַן־פֿלעקן
אויף די שפּיצן פֿינגער.

## אַ מתּנה[5]

דער זייגער,
דאָס אײַזערנע הערצעלע,
װי לײַכט איז צו טראָגן
אויף דער נאַקעטער האַנט
דײַן שפּור[6] און דײַן שאָטן,
דײַן נאָמען,
װי לײַכט –
און װי שװער איז דער רעשט.

***

נעכטן
האָב איך געחלומט[7]
װעגן דײַנע טריט,
די לאַנגע שורות[8] טריט.
די אומענדלעכע שורות טריט,
און אַז דערפֿון בין איך אַ פּינטל.

***

לאָמיר רעדן
מיטן קומענדיקן טאָג,
װעלכער שטייט אַנטקעגן אונדז
פֿון יענער זײַט פֿענצטער,
לאָמיר אים אויסהערן ביזן סוף[9]
ביזן לעצטן „יאָ“ אָדער „ניין“.
איידער – מיטן בלאַסן שמייכל –
ער קערט זיך אָפּ
און שװימט אַװעק.

## אַ געזעגעניש[10]

לאָמיר איבערפֿירן די צײַט –
אַרויס פֿון דער דירה[11],
מיט איר דורכזיכטיקן,
דרעמלענדיקן[12] גוף[13] אויף די הענט,
לאָמיר זיך אָפּשטעלן
אויפֿן שװעל[14], ניט נעענטער,
ניט װײַטער
פֿונעם אָפֿענעם, ברייטן שפּיגל־פּנים[15]
אינעם קליינעם אַרײַנגאַנג
אָנגעשטאָפּט מיט אַלערליי װאַליזקעס,
זעק און קעסטלעך.
טאָ זעסטו – פֿון אונטער די פֿיס
הייבט זיך אָן
די גראָדע ליניע
און, שלאָפֿנדיק, ציט זיך אויס די צײַט
מיטן קוים אויסגעשעפּטשעטן[16] װאָרט
אָדער אַ נאָמען.



1. TALMIDE étudiante/student (*fem.*) 2. interprète/interpreter 3. arrondi/rounded 4. givrés/frosted 5. MATONE cadeau/gift 6. trace 7. GEKHOLEMT rêvé/dreamed 8. SHURES lignes/lines 9. ... SOF jusqu'au bout/to the end 10. adieu/farewell 11. DIRE appartement/apartment 12. sommeillant/slumbering 13. GUF corps/body 14. seuil/threshold 15. PONEM visage/face 16. murmuré/whispered.

פֿאָרווערטס

אַרטיקל דערשינען אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג *פֿאָרווערטס* אין יאַנואַר 2008

# זיבן מעדיציניש „באָבע־מעשׂיות“[1]

פֿון שׂרה־רחל[2] שעכטער



אָפֿט מאָל ווערן געוויסע טעאָריעס, בפֿרט[3] וועגן געזונט, אַזוי פֿיל מאָל איבערגעחזרט[4], אַז ס׳רובֿ[5] מענטשן גלייבן, אַז ס׳איז אמת[6]. טאַקע דערפֿאַר האָבן צוויי אַמעריקאַנער וויסנשאַפֿטלער אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, ווו זיי שטעלן אַרויס דעם אמת וועגן זיבן אַזוי־גערופֿענע[7] פֿאַקטן אַרום דעם מענטשלעכן גוף[8]. אָט זענען די זיבן „באָבע־מעשׂיות“ :

1. אויב איר לייענט בײַ אַ שוואַכן לאָמפּ וועט איר זיך „אַרויסנעמען“ די אויגן[9]. ס׳רובֿ אויגן־עקספּערטן האַלטן, אַז דאָס לייענען אין אַ כּמעט[10] טונקעלן צימער וועט נישט קאַליע מאַכן[11] די אויגן, נאָר בלויז מאַכן אײַך פֿאַרזשמורען[12] מער די אויגן און שאַפֿן שוועריקייטן בײַם לייענען די ווערטער.

2. אַ מענטש ניצט בלויז 10 פּראָצענט פֿונעם מוח[13]. די לעגענדע האָט מען צום ערשטן מאָל געהערט אין יאָר 1907. איצט האָט די מאַגנעטישע טאָמאָגראַפֿיע[14] באַוויזן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין איין טייל פֿונעם מוח וואָס איז נישט אַקטיוו.

3. די האָר און נעגל וואַקסן ווײַטער, אַפֿילו[15] נאָך דעם ווי אַ מענטש שטאַרבט. נישט אמת ; אָבער צוליב דעם וואָס די הויט ווערט נאָכן טויט אויסגעטריקנט און אײַנגעשרומפּן[16], זעען די האָר און נעגל אויס אַ ביסל לענגער ווי פֿריִער.

4. מע דאַרף טרינקען אַכט גלעזער וואַסער אַ טאָג, כּדי[17] נישט צו ווערן אויסגעטריקנט (דעהידרירט). די פֿאָרשער האָבן ציטירט אַ פֿריִערדיקע שטודיע אינעם *אַמעריקאַנער זשורנאַל פֿון פּסיכאָלאָגיע*, ווו מע האָט איבערגעגעבן, אַז מע האָט נישט געפֿונען קיין וויסנשאַפֿטלעכן באַווײַז, אַז דאָס איז טאַקע ריכטיק.

[...]

5. אַז מע גאָלט זיך[18], וואַקסן די האָר צוריק גיכער און געדיכטער. לויט אַ צאָל שטודיעס, ווירקט דאָס גאָלן בכלל נישט[19] אויף דער געדיכטקייט אָדער גיכקייט פֿונעם ווידערוווּקס.

6. אַז מע עסט אינדיק[20] ווערט מען שלעפֿעריק[21]. אין אינדיק געפֿינט זיך אַן אַמינאָ־זויערס[22] – טריפּטאָפֿאַן – וואָס קאָנטראָלירט דאָס שלאָפֿן און די שטימונגען. אָבער אינדיק האָט נישט מער זויערס ווי הינדל[23] אָדער רינדערן פֿלייש[24]. די אמתע סיבה[25] פֿאַר וואָס מענטשן ווערן שלעפֿעריק בײַ אַ סעודה[26] איז פּשוט[27] ווײַל זיי האָבן זיך אָנגעפֿרעסן און אָנגעטרונקען.

7. מאָבילקעס[28] שאַפֿן אַ סכּנה[29] אין די שפּיטאָלן. אַ צאָל שטודיעס האָבן שוין באַוויזן, אַז די טעלעפֿאָנען שאַטן בכלל נישט דער מעדיצינישער אויסשטאַטונג[30].

דער אַרטיקל וועגן די זיבן „באָבע־מעשׂיות“ געפֿינט זיך אינעם לעצטן נומער פֿונעם *בריטישן מעדיצינישן זשורנאַל*.

## אַ שפּריכוואָרט

* זאָג נישט אַלץ וואָס דו ווייסט,
גלייב נישט אַלץ וואָס דו הערסט.

1. ...-MAYSES histoires à dormir debout/old wives' tales 2. SORE-ROKhL 3. BIFRA'T surtout/mainly 4. I'BERGEKhAZERT répétés/repeated 5. S'ROV la plupart/most 6. EMES vrai/true 7. soi-disant/so-called 8. GUF corps/body 9. abîmer les yeux/ruin your eyes 10. KIMA'T presque/nearly 11. abîmer/ruin 12. plisser les yeux/squint 13. MOYEKh cerveau/brain 14. IRM/MRI 15. AFILE même/even 16. rétracté/shriveled 17. KEDE'Y afin de/in order 18. se rase/shave 19. BEKhLA'L ... pas du tout/not at all 20. dinde/turkey 21. אַזוי גלייבט מען אין אַמעריקע 22. acide aminé/amino acid 23. poulet/chicken 24. bœuf/beef 25. SIBE raison/reason 26. SUDE repas, festin/large meal, feast 27. POSHET simplement/merely 28. téléphones portables/mobile phones 29. SAKONE danger 30. équipement/equipment.

מיר דרוקן דאָ אָפּ נאָך אַ צערטלעך[1] וויגליד[2] וואָס ניצט אויס טראַדיציאָנעלע אימאַזשן ווי גרינע פֿעלדער און ווינטמילן[3] און דאָס ווײַסע ציגעלע[4] וואָס מע געפֿינט אין אַזוי פֿיל ייִדישע פֿאָלקסלידער. דאָס איז אָבער ניט קיין פֿאָלקסליד. עס איז אָנגעשריבן געוואָרן פֿון בנימין־יעקבֿ[5] ביאַלאָסטאָצקי, אַ שרײַבער און קולטור־טוער אין אַמעריקע, וואָס האָט געלערנט אין די ייִדישע שולן און אַ סך געשריבן פֿאַר קינדער. די מוזיק איז פֿון מיכל געלבאַרט, אַ מוזיק־לערער און קאָמפּאָזיטאָר (אָנגעהויבן האָט ער ווי אַ חזן[6] !) וואָס האָט געשריבן מוזיק צו ווערק פֿון אַ סך ייִדישע פּאָעטן און צו זײַנע אייגענע פֿילצאָליקע קינדער־לידער.




© Living traditions, 1997.

דאָס ליד האָבן מיר גענומען פֿון אַ שיינעם קאָמפּאַקטל[1], „די גרינע קאַטשקע[2]", אַ זאַמלונג קינדער־לידער וועגן חיות[3] און בהמות[4], אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק אין 1997.

1. CD 2. canard/duck 3. KHAYES animaux/animals 4. BEHEYMES animaux (de la ferme)/(farm) animals.



## אַ מעשׂהלע[7]

אין הימל שווימט אַ וואָלקנדל[8],
אַ וואָלקנדל אָן רו...
יע[9] וואָלקנדל, ניט וואָלקנדל –
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשׂהלע,
אַ ציגעלע אַ ווײַסעלע...
דאָס וואָלקנדל ביסטו.

פֿון הימל פֿאַלט אַ רעגנדל[10],
עס מאַכט דער טאָג זיך צו[11]...
יע רעגנדל, ניט רעגנדל –
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשׂהלע,
אַ ציגעלע אַ ווײַסעלע...
דאָס רעגנדל ביסטו.

עס שלאָפֿט אין פֿעלד אַ זאַנגעלע[12],
אַ זאַנגעלע ליו־ליו...
יע זאַנגעלע, ניט זאַנגעלע –
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשׂהלע,
אַ ציגעלע אַ ווײַסעלע...
דאָס זאַנגעלע ביסטו.

אַ מיל, אַ מיל, אַ מילכעלע[13],
און פֿליגלען פֿיר זשו־זשו...
יע מילכעלע, ניט מילכעלע –
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשׂהלע,
אַ ציגעלע אַ ווײַסעלע...
דאָס מילכעלע ביסטו.

אַ וואָלקנדל, אַ רעגנדל,
אָ מאַך די אויגן צו...
ניט וואָלקנדל, ניט רעגנדל,
ניט זאַנגעלע, ניט מילכעלע,
ניט ציגעלע, ניט ווײַסעלע...
מײַן מיידעלע (ייִנגעלע) ביסטו.



1. tendre/tender 2. berceuse/lullaby 3. moulins à vent/windmills 4. petite chèvre, chevreau/little goat 5. BINYOMIN-YANKEV 6. KHAZN chantre/cantor 7. MA'YSELE petite histoire/little tale 8. petit nuage/little cloud 9. *dial.* יאָ 10. petite pluie/little rain 11. *ici* la journée se termine/*here* the day is ending 12. petit épi/little stalk (of grain) 13. petit moulin/little mill, *dim de/of* מיל.



דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי.

Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18 passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com
*מע קען אויך לייענען דעם ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com